**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/2/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און קאנגרעסמאן נאדלער אנאנסירן פארט אויטאריטעט צו פארזעצן פעדעראלע ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פאר קראָס האַרבּאָר טראנספארט באוועגונג פראגראם**

***פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע באוויליגט געלטער אויף פארזוזעצן ווייטער פראצעס צייטווייליג סוספענדירט אין 2020 צוליב פאנדעמיע- פארבינדענע פינאנציעלע איינצוימונגען***

***טיער צוויי ענווייראנמענטאלע ווירקונג סטעיטמענט צו שטודירן אלטערנאטיוון פאר רעדוצירן אנגעווייזנקייט אויף טראָקס צו טראנספארטן פרעיט אין דעם ראיאן***

גאווערנער קעטי האקול און קאנגרעסמאן דזשערי נאדלער האבן היינט אויסגעמאלדן דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי וועלן פארזעצן צוגרייטן א טיער 2 ענווייראנמענטאלע ווירקונג סטעיטמענט (EIS) אויף דעם קראָס האַרבּאָר טראנספארט באוועגונג פראגראם. אלס טייל פון דעם איבערזיכט, וועט דער EIS אריינקוקן אין וויאזוי דער קראָס האַרבּאָר טראנספארט פראיעקט וועט ארבעטן אינאיינעם מיט דער אינטערבארא עקספרעס טראנזיט ליניע, וועלכע איז [אויסגעמאלדן געווארן](#) דורך גאווערנער האקול אלס טייל פון איר 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט.

מיט די הילף פון קאנגרעסמאן דזשעראלד נאדלער, זענען פעדעראלע געלטער פון דער פעדעראלער הייוועי אדמיניסטראציע (FHWA) געווען אריבערגעפירט געווארן אויף תיכף פארזוזעצן דער צוגרייטונג פון א טיער 2 EIS וועלכע וועט אויספירן דער לעגאל- פערלאנגטע, מער דייטליכע אנאליז פון די ענווייראנמענטאלע ווירקונגען. דער EIS וועט אויך אנאליזירן פאטענציעלע מאסנאמען פאר צוויי פרעפערירטע אלטערנאטיוון אידענטיפיצירט אין דער פריערדיגער טיער 1 שטודיע צו רעדוצירן דער איצטיגער אנגעווייזנקייט אויף טראָקס צו פירן טראנספארטן איבער ניו יארק הארבאר.

״ניו יארק איז אנטשלאסן צו אינוועסטירן אין א שטארקע טראנזיט נעץ וואס באהעפט קאמיוניטיס און רעכנט אריין פארגעשריטענע פראיעקטן פאר דאס באוועגן פון פראדוקטן און לאדונג,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״מיר ציעט זיך אויף פאראויס אגרעסיוו מיט דער קומענדער פאזע פון אנטוויקלען פאר דער קראָס האַרבּאָר רעילראוד טראנספארט פראיעקט אזוי ווי מיר זוכן זיך פארצושטעלן פונדאסניי ניו יארק׳ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור. איך וויל דאנקען קאנגרעסמאן נאדלער פאר זיין שטארקע שטיצע פאר א דרייסטע אינפראסטרוקטור אגענדע פאר ניו יארק און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אים און אונזערע פעדעראלע צוזאמארבעטער אויפצולעבן דער אגענדע.״

אין 2018 האט דער פארט אויטאריטעט אנגעהויבן דער צווייטער פאזע פון אן ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פאר דעם פראגראם [מיט דאס אויסוועהלן א קאנסולטאנט אויסצופירן דער דייטליכער אנאליז](#). דער פינאנציעלע ווירקונג פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע האט געצווינגען א צייטווייליגע סוספענדירונג פון די ארבעט אין 2020. דאס ווידער-צוועקן פון עקזיסטירנדע FHWA געלטער טוט איצט צוריק אנהייבן צו שאפן א דייטליכע אנאליז פון די ענווייראנמענטאלע ווירקונגען און פאטענציעלע לינדערונג מאסנאמען פון די צוויי פרעפערירטע אלטערנאטיוון אידענטיפיצירט אין 2014 אין דער [פריערדיגער טיער 1 שטודיע](#) צו

פירן טראנספּארט איבער ניו יארק הארבּאר. דער אנאליז פון די צוויי אפּציעס איז פארלאנגט דורך דער נאציאנאלע ענווייראנמענטאלע פּאָליסי אקט (NEPA) בעפאר סיי וועלכע פעדעראלע געלטער קענען אויסגעגעבן געווארן אויף פאראויס-פירן איינע פון די צוויי אפּציעס.

די צוויי פרעפערירטע אפּציעס וועלכע ווערן שטודירט רעכענען אריין די קאנסטרוקציע פון א קראס הארבּאר טראנספּארט טונעל און דער פארברייטערונג פון דער פארט אויטאריטעט'ס עקזיסטירנדע רעלסן-שיף אפּעראציע. דער רעילראוד טונעל אלטערנאטיווע רופט פאר קאנסטרוקציע פון א טראנספּארט טונעל אונטער דעם פּאָרט פון ניו יארק וואס וועט לויפן אומגעפער פיר מייל פון דזשערזי סיטי ביז ברוקלין. דער רעלסן-שיף אלטערנאטיווע וועט שטארק פארברייטערן די עקזיסטירנדע רעלסן-שיף סיסטעם, איצט אפּערירט דורך דער ניו יארק ניו דזשערזי רעילראוד על-על-סי, א פולקאם-באזיצטע קערפערשאפט פון דער פארט אויטאריטעט זינט 2008, און וועט אריינגעמען נייע טראנספער בריקן, רעלסן-שיפן, לאקאמאטיוון און רעלסן.

**פארט אויטאריטעט פארזיצער קעווין או'טול האט געזאגט,** "מיר דארפן ווייטער ארומזוכן פאטענציעלע לייזונגען צו פארבעסערן באוועגיקייט און רעדוצירן דער ראיאן'ס אנגעוויזנקייט אויף טראָקס צו פירן פראדוקטן וועלכע זענען קריטיש-וויכטיג פאר ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס. די פארזעצונג פון דער שטודיע וועט נעמען א נאענטערע בליק אויף אלטערנאטיוון וועלכע קענען העלפן אויספירן פאר דעם ציל אין דעם צוקונפט."

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן האט געזאגט,** "מיט גרויסע פאראויסגעזעענע העכערונגען אין טראנספּארט באוועגונג איבער די קומענדע צוויי צענדליג יארן, וועלן אפּהאלטונגען אין באוועגונג פון סחורה נאר ערגער ווערן אויסער אויב די טראנספּארט און דיסטריביושען אינדוסטריע האט אטראקטיווע אלטערנאטיוון צו טראנספּארט דורך טראָקס. אונזער ציל איז איבערצוקוקן די אלטערנאטיוון און אידענטיפיצירן קאסט-גינציגע צוגאנגען צו צוקונפטיגע טראנספּארט באוועגונג וועלכע עס קען רעדוצירן די צאל טראָקס אויף דעם ראיאן'ס וועגן און שאסייען."

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נאדלער האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז דער קריטיש-וויכטיגער טראנספּארטאציע אינפראסטרוקטור פראיעקט, וועלכע איך האב געשטיצט פאר 30 יאר, ציעט זיך אויף פאראויס. דער קראס-הארבאר רעילראוד טראנספּארט טונעל וועט באהעפטן ניו יארק'ס מעטראפאליטען ראיאן צו דער נאציאנאלע רעילראוד טראנספּארט גריד דורך אוועקדרייען טראָקס פון אונזערע גאסן צו די אונטערבאניצטע רעילראוד נעטוואָרק. עס וועט ענדערן די וועגן וואס מיר פירן טראנספּארט לענגאויס אונזער ראיאן, פירן צו די עקאנאמישע, ענווייראנמענטאלע, געזונט, זיכערהייט און געלט-שפארן בענעפיטן פאר מיליאנען מענטשן. דער טיער 2 ענווייראנמענטאלע ווירקונג סטעיטמענט איז א קריטיש וויכטיגער טריט אין דעם פראצעס. עס וועט אונז ערמעגליכן אויסארבעטן די פלאנירונג, אינזשינערונג, און פינאנצירונג אפּציעס פאר אנטוויקלען דער קראס הארבאר רעילראוד טראנספּארט טונעל. מיר קענען און זאלן ניצן דער בעי רידזש ליניע צו פירן סיי מענטשן און סיי פראדוקטן, און איך בין קאנפידענט אז מיר קענען פאראויס-פירן סיי דער קראס הארבאר רעילראוד טראנספּארט טונעל און סיי דער אינטערבארא עקספּרעס אינאיינעם. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול, וועלכע איז געווען א ריזיגע אדוואקאט פאר דעם פראיעקט, און איך קוק ארויס אויף ווייטער צו ארבעטן מיט איר אינאיינעם און מיט'ן פארט אויטאריטעט אזוי ווי דער פראיעקט ציעט זיך אויף פאראויס."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי קומט צוריק, און דער פראיעקט וועט צוגעבן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור וואס וועט העלפן אונזער עקאנאמיע ווייטער וואקסן אויף פילע יארן אין דעם צוקונפט. מיר קענען נישט נאכגעבן און זיך אומקערן צו די זעלבע אומשטענדן פון בעפאר דער פאנדעמיע. איך אפּלאדיר גאווערנער האקול און קאנגרעסמאן נאדלער פאר ציען דעם פראיעקט פאראויס, און איך שטיי גרייט זיי צו העלפן אריינשטעקן די שאוועלס אין דער ערד.

**דירעקטאר פון ראיאנישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן פאר דער טריי-סטעיט טראנספארטאציע קאמפיין פעליסיע פארק ראדזשערס האט געזאגט,** ״מיר זענען באגייסטערט אז דער טיער צוויי EIS פאר דער קראס הארבאר טראנספארט באוועגונג פראגראם ציעט זיך אויף פאראויס. מיר דאנקען גאווערנער האקול און קאנגרעסמאן נאדלער פאר ארבעטן אומערמידליך צו פארזיכערן אז דער טראנספארמירנדע פראיעקט ווערט אויספלאנירט אין צוזאמענהאנג מיט דער אינטערבארא עקספרעס.ביידע פון די פראיעקטן וועלן האבן א ריזיגע איינפלוס אויף שניידן גרינהויז גאז עמיסיעס, צו רעדוצירן געדראנג און טראַק טראנספארט טראפיק אויף אונזער ראיאן׳ס גאסן און שאסייען, העכערן ראוד און פיסגייער זיכערהייט, און פארבעסערן און באלאנסירן דער ראיאנישער טראנספארטאציע נעטוואָרק.״

**וויצע פרעזידענט פון טראנספארטאציע ביי ראיאנישע פלאן אסאסיעשען טיפעני-ען טעילאר האט געזאגט,** ״רעדוצירן אונזער ראיאן׳ס אנגעוויזנקייט אויף טראָקס וועט פירן צו וויניגער פארפעסטונג, געדראנג און בעסערע פובליק געזונטהייט. דאס אנגייענד און שאפעריש ארומזוכן פון פראדוקטן באוועגונג אינפראסטרוקטור איז קריטיש-וויכטיג אויף צו שטיצן דער טראנספארט סיסטעם אין אונזער ראיאן. מיר זענען צופרידן אז דער טיער צוויי ענווייראנמענטאלע אימפאקט שטודיע פאר דער קראס הארבאר טראנספארט באוועגונג פראגראם וועט קוקן אויף וויאזוי נאך טראנספארט סערוויס קען ארבעטן מיט דער אינטערבארא עקספרעס טראנזיט ליניע. אנדערע שטעט — ווי למשל שיקאגא און לאנדאן — גיבן אויסגעצייכנטע ביישפילן אויף וויאזוי ערפאלגרייך איינגלידערן טראנספארט און פאסאזשיר סערוויס אויף די זעלבע רוטס. קאנגראטולאציעס צו קאנגרעסמאן נאדלער און גאווערנער האקול פאר דער היינטיגער אנאנסמענט.״

דער איבערזיכט, וועלכע וועט אויך אויסזוכן פאטענציעלע געלט קוועלער פאר די צוויי אפציעס, וועלן אריינגעמען ברייטע אוטריטש צו אלע פאראינטערעסירטע פארטייען, אריינגערעכנט ערוועהלטע באאמטע און דעם פובליק, און וועט צושטעלן פאר דער פארט אויטאריטעט און אנדערע ראיאנישע אגענטורן מיט קאסטן און בענעפיטן פון יעדע אלטערנאטיוו צו העלפן רעדוצירן שאסיי געדראנג פאראורזאכט דורך דער באוועגונג פון פראדוקטן לענגאויס ניו יארק / ניו דזשערזי הארבאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418